בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

צו-פרה

כ' אדר ב' תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:21 |
| מוצש"ק | 7:34 |
| ר"ת | 8:15 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:51 | סוז"ת א' | 10:08 |
| סוזק"ש ב' | 9:34 | סוז"ת ב' | 10:37 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': ע"ה
שנה ב'

## טיב הפרשה

# וכל דם לא תאכלו

## די חובה אפצוהיטן די כבוד פון א צווייטן איד

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר איבער די ציווי זיך אפצוהיטן פון עסן בלוט פון א בהמה, און ווי עס איז דער לשון הפסוק וכל דם לא תאכלו בכל מושבתיכם לעוף ולבהמה.

עס קען זיין בדרך רמז אז אויסער דער עצם איסור פון עסן בלוט איז די תורה הק' דא מרמז נאך א בחינה אויף די בלוט פון א מענטש, אז מען זאל זיך היטן נישט מבייש צו זיין קיין שום מענטש אויף די וועלט, וואס איז מרמז אויף די בחינה פון דם, ווי די גמרא זאגט אין בבא מציעא [נח ע"ב] אז רב נחמן בר יצחק האט געלערנט אז א מלבין פני חבירו ברבים איז ווי א שופך דמים, און די גמרא פירט דארט אויס אז די סיבה דערצו איז ווייל עס גייט אראפ די רויטקייט און עס קומט צוגיין די ווייסקייט און ווי עס איז דארט דער לשון הגמרא דחזינא ליה דאזיל סומקא ואתי חוורא.

איבער די הארבקייט פון פארשעמען אדער ווי טון א איד זאגן שוין חז"ל אין ברכות [מג ע"ב] אז עס איז בעסער אז א מענטש זאל זיך אריינווארפן אין א קאלער אויוון און נישט פארשעמען זיין חבר.

עס איז אויך דא א מורא'דיגע ווארט פון דער צדיק רבי דוד לעלובער זי"ע אויפ'ן פסוק אין תהלים [כב. ז] ואנכי תולעת ולא איש, אז דער איד געבט זייער אכטונג נישט צו עסן א תולעת – א ווָארים – ווייל עס איז פארבינדן מיט אסאך עבירות, אבער מען געבט נישט אכטונג אויף דער איש – אויפצועסן א מענטשן, און מען ווייסט נישט ווי הארב עס איז מבייש צו זיין א צווייטן איד.

אויך אין די תורה טרעפט מען ווי שטארק מען האט חס געווען אויף די כבוד פון אנדערע אפילו ווען עס האט זיך גערעדט פון דער גרויסער רשע בלעם. ביי די מעשה מיט בלעם ווען די אייזל האט גערעדט צו אים האט דער מלאך גע'הרג'ט דעם אתון, ווייל ער האט אים נישט געוואלט מבייש זיין.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די יעניגע געשעעניש כאפט א פחד. מען רעדט דא פון אזא רשע ווי בלעם הרשע און ער איז געווען אויפ'ן וועג צו גיין שעלטן די אידן און מיט דעם אלעם איז די תורה אזוי חס אויף זיין כבוד, איז דאך זיכער אז ווען עס רעדט זיך פון א איד, א קינד פון אברהם יצחק ויעקב, אז מען דארף זייער חס זיין אויף זיין כבוד.

די זעלבע זאך טרעפן מיר אויך ביי תמר, אז ווען מען האט איר געוואלט הרג'נען און מען האט איר ארויסגעטראגן צו די הריגה האט זי געשיקט פאר יהודה דעם שטעקן און אים געפרעגט צי ער דערקענט עס.

זי וואלט געקענט די זעלבע צייט זאגן אפן פון וועמען עס רעדט זיך אבער זי האט חס געווען אויף די כבוד פון יהודה.

פון די מעשה לערנען חז"ל ארויס וואס עס שטייט אין די גמרא [ברכות מג] אז עס איז בעסער אז א מענטש זאל זיך אריינווארפן אין פייער, ווי אידער ער זאל פארשעמען א צווייטן איד.

מען זעט אויך די גרויסע שכר וואס זי האט באקומען אז זי האט זוכה געווען אז עס איז ארויסגעקומען פון איר מלכות בית דוד און דאס איז געווען איר זכות, אז זי האט אזוי

<<< | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# דאס גאווה און אידע נאכפאלגן

פאר הרה"ק דער דאקטער רבי אהרן גאָרדאָן [דער תלמיד און פערזענליכער דאקטער פון דער גרויסער הייליגער מעזריטשער מגיד זי"ע] איז שווער געווען, איבער דאס וואס חכמינו ז"ל זאגן "טוב שברופאים לגיהנום", וואס האט דען דער דאקטער געזינדיגט מיט דעם וואס ער איז דער בעסטער פון די דאקטוירים? האט ער פאָרגעלייגט זיין וואונדער פארן הייליגן מגיד [וויבאלד מיט זיין ענוה, האט רבי אהרן געמיינט אז דערמיט האבן חז"ל געמיינט איינער אזוי ווי אים, וואס איז א מומחה, און ער האט טאקע געהאט א וואונדערליכע סייעתא דשמיא אין די חכמת הרפואה, און דער הייליגער מגיד פלעגט זאגן אז דער מלאך רפאל אליין טוט אים באגלייטן, און העלפט אים ארויס אין זיין ארבעט].

האט אים דער הייליגער מגיד געענטפערט, אז דער שטייגער פון די דאקטוירים איז, אז די קליינע דאקטוירים רעדן זיך דורך אין אלע זאכן מיט די גרעסערע דאקטוירים, און די גרויסע דאקטוירים טוען זיך דורכרעדן מיט די וועלכע זענען נאך גרעסער ווי זיי, און אזוי ווייטער, אז יעדער דאקטער רעדט זיך דורך מיט דער וועלכער איז העכער ווי אים, אבער דער גרעסטער דאקטער, וואס צו אים שיקט מען די מערסטע קאמפליצירטע פראגן, ער האט דאך נישט מיט וועמען זיך צו דורכרעדן, דעריבער, ווען עס קומען פאָר ביי אים געדרייטע שאלות און ער ווייסט נישט קלאר וואס ער דארף טון, וואלט געווען ריכטיג אז ער זאל פרעגן די וועלכע זענען קלענער ווי אים, ווייל טראצדעם וואס זיי זענען טאקע אויף א מער נידעריגע שטאפל, פונדעסטוועגן האט דאך דער חכם מכל האדם געזאגט "ותשועה ברוב יועץ", פונדעסטוועגן שעמט זיך דער גרויסער דאקטער צו הערן זייער עצה, און דערפאר פסק'נט ער די גורל'דיגע אנגעלעגנהייטן לויט זיין אייגענעם מיינונג. און צומאל קומט אויס אז ער האט א טעות געהאט, און דורך זיין טעות האט ער געלייגט אין געפאר די לעבנס פון מענטשן, און אויב וואלט ער זיך דורכגערעדט מיט אנדערע וואלט ער אנגעקומען צו אן אנדער מסקנה וואס וואלט נישט געווען מסוכן, און דעריבער ירש'נט ער גיהנם, וויבאלד צוליב זיין כבוד איז ער גרייט צו מפקיר זיין לעבנס פון מענטשן, רחמנא ליצלן.

און דעריבער זעען מיר אז די צדיקים פון אלע דורות האבן זיך אנדערש געפירט, אזוי ווי מיר זעען אין די פרשה פון די וואך, אז ווען משה רבינו האט געוואלט מְקַדֵּשׁ זיין דעם מזבח, האט ער געשפריצט אויף דעם זיבן מאל פון די שמן המשחה, און אויף דעם זאגט רש"י 'איני יודע היכן נצטווה באלו הזאות'. זעען מיר, אז טראץ די געוואלדיגע גרויסקייט פון רש"י, האט ער זיך נישט געשעמט צו שרייבן 'איני יודע'. און כאטש ער וואלט זיך געקענט נישט וויסנדיג מאכן דערפון און ער וואלט געקענט גארנישט שרייבן, פונדעסטוועגן מיט זיין גרויסע ענוה האט ער געשריבן דעם ריינעם אמת. און מעגליך האט דער הייליגער רש"י אונז דערמיט געוואלט וויסן, אז אויב מיר פארשטייען נישט עפעס אן ענין פון די תורה, קען מען דאס קלאר זאגן, און עס נעמט נישט אראפ פון אונזער אמת'ן ווערד, ווייל אדרבה, דארט וואו מען טרעפט ענוה דארט טרעפט מען גרויסקייט.

(עפ"י טיב התורה - צו)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

>>>| טיב הפרשה | המשך פון עמוד א' |

אפגעשוינט די כבוד פון יהודה.

אויך ווען מען דארף מוכיח זיין א איד ווארענט די תורה אן אז מען זאל עס מאכן אויף א וועג פון חס זיין אויף יענעם און ווי חז"ל דרשנ'ען שוין אין מסכת ערכין (טז:) מנין לרואה בחברו דבר מגונה שחייב להוכיחו? שנאמר: (ויקרא יט, יז) 'הוכח תוכיח'. הוכיחו ולא קבל, מנין שיחזור ויוכיחנו? תלמוד לומר: 'תוכיח' – מכל מקום. יכול אפילו משתנים פניו? תלמוד לומר: 'לא תשא עליו חטא'.

מען זעט פון דעם אז אויך ווען עס רעדט זיך פון מוכיח זיין א חבר, פון אים זאגן מוסר, דארף מען עס טון אויף א וועג אז מען זאל אפשוינען זיין כבוד, ווייל אויך די תורה האט שטארק חס געווען אויף די כבוד פון א צווייטן.

נאך א מורא'דיגע גמרא איז דא איבער ירבעם בין נבט. די גמרא פרעגט אין סנהדרין [קא ע"א] פארוואס האט ירבעם זוכה געווען צו מלכות און די גמרא ענטפערט ווייל ער האט מוכיח געווען שלמה המלך. פרעגט די גמרא און פארוואס איז ער נענש געווארן? ענטפערט די גמרא, ווייל ער האט אים מוכיח געווען ברבים.

די תורה לערנט אונז אויס וויפיל מען דארף אפשוינען די כבוד פון א איד אבער דאגעגן דארף מען אויך וויסן אז אויב עס האט פאסירט אז מען האט אים מבזה געווען און באשריגן זאל ער וויסן אז דאס איז לטובה, ווייל די זכות פון בזיונות איז זייער גרויס און עס איז א שטארקע כפרה פאר א איד.

עס איז דא א טייער ווארט איבער די נושא אין ספר הק' בית אהרן [די לעצטע עמוד פון די השמטות]. ער ברענגט דארט אראפ בשם ספר הק' קול בוכים וואס רבי אברהם גאלאנטי זצ"ל האט געמאכט, א טייער ווארט וואס ער פלעגט זאגן, ער פלעגט אויסטייטשן די פסוק אין איכה [ג.ל] יתן למכהו לחי ישבע בחרפה, און מיר ברענגען אראפ זיין לשון אויפ'ן ארט: מרגלא בפומיה דמורי זלה"ה שהיה אומר, שבכל התשובות שבעולם, המעולה שבכולם למרק החטאות והזדונות והפשעים, היא סבולת העלבונות והחירופים והגידופים, והיא מעולה יותר מכל מלקיות וסיגופי תעניות שבעולם... לכן זאת העצה היעוצה מאת ה' צבא'ות יצאה לאמר: 'יתן למכהו לחי ישבע בחרפה', כמדובר. ובזה אל יזניחך אלקים לעולם. וזהו: 'כי לא יזנח לעולם ה'' (שם פסוק ל). עד כאן דבריו הק' שם.

מען זעט פון דעם די גרויסקייט פון אריינכאפן בזיונות פון א צווייטן און ווי שטארק מען קען פועל'ן דורך דעם גרויסע זאכן און אז דאס איז ממתיק דער דין פון א מענטש און איז מבטל אלע מסכים המבדילים און וועגן דעם ווען עס טרעפט זיך אז א מענטש האט בזיונות זאל ער וויסן אז עס איז לטובה און עס קען אים נאר ברענגען גוטס פאר אים און פאר זיינע דורות.

# די בחינה פון פרה אדומה וואס איז נוגע צו אונזערע צייטן

דעם שב"ק וועלן מיר ליינען אין די תורה די מצוה פון פרה אדומה. עס ווערט געברענגט אין נאמען פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע אז ער פלעגט זאגן אז אלעס וואס שטייט אין די תורה איז נצחי, אן אייביגע זאך, און איז שייך אין אלע דורות.

איינמאל, האבן די הייליגע תלמידים אים געפרעגט, וואס איז דער ענין ביי פרה אדומה וואס איז נוגע אויך היינטיגע צייטן. האט דער הייליגער בעל שם טוב געענטפערט, אז דער ענין פון פרה אדומה היינטיגע צייטן, איז דאס וואס חז"ל זאגן אויפן פרה אדומה אז עס איז מטהר טמאים און מטמא טהורים, און דאס איז א נקודה וואס איז נוגע ביי יעדן איינעם, אז ווילאנג מען האלט נאך פארן טון די עבודה און מקיים זיין די מצוה, זאל מען זיין אין די בחינה פון "לטהר טמאים", אז מען זאל שפירן אז מען גייט יעצט נתעלה ווערן פון זיין מדריגה און ריין ווערן פון טומאה דורך אט די עבודה וואס מען גייט יעצט טון.

אבער, נאכדעם וואס מען האט זוכה געווען צו נתעלה און נזדכך ווערן, טאר מען נישט בלייבן אינעם זעלבן מצב, און חלילה זיין צופרידן און "יוצא זיין" דערמיט אין עבודת ה', נאר מען זאל דעמאלטס זיין אין די בחינה פון "לטמא טהורים", אז מען זאל זיך מתבונן זיין ווי ווייט מען איז נאך פון זיין נאנט צום אמת, און אויף ווי ווייט איז זיין עבודה נאכנישט חשוב און אויסגעצייכנט. און דעמאלטס, ווען מען וועט צוברעכן די גאוה און גסות הרות, שפירנדיג ווי ווייט מען איז גארנישט, דעמאלטס וועט מען קענען פונדאסניי אנהייבן מיט די עבודה פון לטהר טמאים, און זיך אנגרייטן נאכאמאל צו ווערן דערהויבן מיט נאך העכערע מדריגות ווי פריער, און אזוי ווייטער.

און דער ענין אין דעם איז, אז א מענטש זאל זיך נישט געפינען אין א מצב וואו ער שפירט א צופרידנקייט אין זיין עבודה, מיט זיין לערנען און דאווענען, און מיט זיינע אנדערע גוטע מעשים, אזוי אז ער שפירט אז ער איז שוין "יוצא" דערמיט, ווייל ווער עס איז באוויליגט מיט זיינע מעשים, איז נישטא קיין האפענונג אז ער וועט נאך שטייגן צו העכערע מדריגות ווי דאס וואס ער האלט יעצט.

## טיב ההתחזקות

ווייניגסטנס, זאל דאס נישט זיין ערגער ווי די וואס האנדלען מיט געשעפטן [ביזנעס], ווייל מיר זעען נישט אז ווער עס האט פארדינט אסאך געלט, זאל זאגן אז יעצט האט ער שוין גענוג און פון יעצט וועט ער שלאפן און זיך אויסרוען זיין גאנצן לעבן, נאר פונקט פארקערט, אז וואס מער מען האט דערפון אלס מער וואקסט די תאוה און בענקעניש צו פארדינען מער און מער, אזוי ווי חז"ל זאגן אז ווער עס האט הונדערט וויל האבן צוויי הונדערט, און נאך זאגן חז"ל אז עס איז קיינער נאכנישט געווען וואס ביי זיי שטארבן האט ער געהאט ביי זיך האלב פון זיין גלוסטעניש.

דעריבער, אויב וועט דער מענטש נישט נעמען אין אכט צו ארבעטן דערויף און שטענדיג אפוועגן זיינע מעשים, קען אויסקומען אזא מציאות אז אפילו ווען ער וועט שוין זיין ביי די אכציג יאר וועט ער נאך אלץ בלייבן מיט די זעלבע דרגה און השגה וואס ער האט געהאט ווען ער איז געווען א בחור בי די אכצן יאר, און אפילו אויב ער וועט זוכה זיין צו לערנען אסאך און צו דאווענען מיט כוונה און צו טון מעשים טובים במשך אלע יארן פון זיין לעבן, פונדעסטוועגן, ווילאנג דער מענטש איז אלעמאל צופרידן פון זיין מצב איז דאך נישט מעגליך אז ער איז געשטיגן אין זיינע מדריגות, און ווי גרויס איז דער צער אויף אזא מענטש וואס בלייבט שטענדיג מיט די זעלבע השגות וואס ער האט קונה געווען ווען ער איז נאך געווען א יונג בחור'ל.

עס ווערט דערציילט איבער א חסיד וועלכער איז געפארן צו זיין רבי'ן און האט זיך דארט אויפגעהאלטן א לענגערע צייט כדי צו מיטהאלטן זיין הייליג פירונג און צו קונה זיין פון אים א וועג אין עבודת ה'. ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיין וואוין־אָרט, האט מען נישט געזען ביי אים קיין ספעציעלע שינוי אינעם וועג פון זיין

>>>| המשך אין עמוד ד' |

## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

### דער רבוש"ע איז א שומע תפילת כל פה

ווי נענטער עס איז געווארן צו פורים האב איך געוואוסט אז דאס יאר גיי איך געבן פאר דער מלמד פון מיין קינד עפעס ספעציעל, מער ווי איך געב יעדער יאר.

עס איז נישט די ערשטע מלמד וואס מיין קינד האט, אבער עס איז יא די ערשטע מלמד וואס לייגט אריין אין אים אזויפיל הארץ און נשמה, אז איך האב געשפירט אז עס קומט אים, אז היי יאר מוז מען אים געבן מער ווי אייביג.

מיינע געפילן האב איך מיטגעטיילט מיט מיין מאן, ער האט צוגעשטימט צו דעם.

וויסנדיג אז מיין מאן געבט געווענליך הונדערט שקל פאר דער מלמד, האב איך אים געבעטן אז די יאר זאל ער געבן 002 שקל.

מיין מאן האט זייער שטארק געוואלט געבן מער אבער ער האט מיר געזאגט אז ער האט נישט צו געבן מער, דאס איז וואס ער האט, מער ווי דעם האט ער נישט.

איך האב נישט געוואלט דרוקן אויף אים, איך האב מקבל געווען אויף מיר דאס וואס ער זאגט.

יענעם טאג, גייענדיג אין גאס, צו די ארבעט, האב איך געטראכט צו מיר, פארוואס זאל איך נישט מתפלל זיין צום בורא כל העולמים, דער באשעפער איז דאך א כל יכול, ער קען אלעס.

מיט פשוט'ע ווערטער, פול מיט הארץ, האב איך געבעטן דעם רבוש"ע אז ער זאל מיר העלפן אז איך זאל קענען אויסדרוקן פאר מיין מלמד די הכרת הטוב וואס איך האב, מער ווי געווענליך.

איך האב געענדיגט די ווערטער און אט זעה איך ווי אויף די ערד, קעגן איבער מיר, ליגט אויסגעלייגט אויפ'ן גאס א באנקנאט [שטר] פון 002 שקל, אן קיין סימן.

איך האב זיך אראפגעבויגן און עס אויפגעהויבן און געדאנקט הקב"ה אז ער האט ממלא געווען מיין בקשה. איך האב זיך געלערנט די כח פון תפילה און איך גלייב באמונה שלימה, אז אין די זכות וואס איך האב נישט געדרוקט אויף מיין מאן, האב איך געהאט די ישועה.

[דערציילט דורך די בעלת המעשה: א.מ.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס

**"צו את אהרן ואת בניו לאמר, זאת תורת העולה וגו'"** ו, ב

איז די הייליגע **רש"י** מפרש: אז "צו" מיינט נישט אנדערש, נאר א לשון פון זירוז, גלייך און אויך לדורות. האט רבי שמעון געזאגט, אז דער פסוק דארף מער מזרז זיין אין אן ארט וואו עס איז דא חסרון כיס.

זאגט דער הייליגער **נועם אלימלך** (אנהייב פון אונזער פרשה) ווי פאלגנד: עס זעט מיר אויס על פי הרמז, אז ווען דער מענטש דינט דעם אויבערשטן, זאל ער אים דינען מיט זריזות און מיט גוטע מידות. אבער ווער עס דינט דעם ויבערשטן מיט פוילקייט און געדרוקטערהייט און נישט ווילנדיג, פעלט ביי אים דער גוף, אז ער האט נישט קיין גוף, וואס דאס איז אזוי ווי א בייטל און א האלטער פאר די נשמה. דאס האט רש"י מרמז געווען – אז דער פסוק דארף מר מזרז זיין דארט וואו עס איז דא "חסרון כיס", דאס הייסט אז דער מענטש דינט דעם אויבערשטן מיט פוילקייט, ווי ערקלערט. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. [זיין יומא דהילולא געפאלט דעם מוצאי שב"ק].

***

**ווי שטארק דארף מען מזרז זיין און אכטונג געבן אין עניני ממונות!**

עס ווערט דערציילט **איבער איינער פון די גדולי ראשי הישיבות אינעם פריערדיגן דור זצוק"ל**, וועלכער פלעגט אסאך פארן קיין חוץ-לארץ, גייענדיג איבער די טירן פון די נדיבים, כדי צו אויסהאלטן זיין הייליגע ישיבה.

באזוכנדיג ביי איינער פון די חשוב'ע גבירים, וואו ער פלעגט אפט באזוכן, מדי שנה בשנה, פאר זיין הייליגן צוועק, האט אים דער עושר זייער שיין אויפגענומען ווי עס פאסט לכבוד התורה, און האט אים מיט גרויס כבוד אריינגענומען אין זיין הערליכן פאלאץ. דארט, ביים זייט פונעם פראכטפולן טיש איז געשטאנען א קליינע **פייער-קאסע**, פון וואו דער גביר פלעגט יעדן מאל ארויסנעמען זייער א גרויסע און שיינע סומע, צו אויסהאלטן די ישיבה פאר נאך א יאר.

דאסמאל, אינמיטן דעם באזוך, אזוי ווי זיי זיצן אזוי און שמועסן געשמאק, האט דער עושר געדארפט ארויסגיין פאר עטליכע מינוט. ער האט זיך אנטשולדיגט פארן חשוב'ן ראש ישיבה אז ער דארף מאכן אן אפשטעל אינמיטן דעם באזוך, און האט געבעטן ערלויבעניש ארויסצוגיין אויף עטליכע מינוט, ערקלערנדיג אז ער קומט גלייך דערנאך צוריק.

ווען דער גביר איז צוריקגעקומען, האט ער באמערקט צו זיין גרויס איבערראשונג, ווי דער רב שטייט אינדרויסן, און ווארט אויף אים ביים טיר פונעם צימער.

פארוואס האט איר געווארט אינדרויסן? – האט זיך דער עושר געוואונדערט – איך האב דאך געזאגט אז איך וועל גלייך צוריקקומען!

איך האב שטארק מורא געהאט וועגן א **גמרא מפורשת!** – האט דער רב געענטפערט מיט א פשטות, ווייל חז"ל זאגן דאך (בבא בתרא קסד:) אז רב עמרם האט געזאגט אין נאמען פון רב, אז עס זענען דא דריי עבירות וואס קיין מענטש ווערט נישט ניצול פון זיי יעדן טאג וכו', און רב יהודה האט געזאגט אין נאמען פון רב, אז רוב מענטשן ווערן געשטרויכלט מיט גזל, און דאס מיעוט מענטשן ווערן נכשל מיט עריות, און יעדער ווערט נכשל מיט אבק לשון הרע, זע דארט.

און יעצט, האט דער ראש ישיבה ערקלערט פארן ערשטוינטן גביר, האב איך געמאכט ביי מיר א קל וחומר, אז ביי עריות וואס איז אזוי הארב, און נאר א מיעוט מענטשן ווערן נכשל אין דעם, האבן חז"ל גוזר געווען אן איסור יחוד, כדי צו דערווייטערן א מענטש פון זינדיגן. איז דאך אוודאי און אוודאי ביי די עבירה פון 'גזל' וואס טרעפט זיך מער, און רוב וועלט ווערן געשטרויכלט דערין, דארף מען דאך אוודאי מחמיר זיין און אכטונג דערויף אז עס זאל נישט זיין ביי דעם קיין "יחוד". און ווייבאלד עס געפינט זיך דא אין צימער א **קאסע** פול מיט געלט, בין איך ארויסגעגאנגען אינדרויסן...

**דער עושר איז געבליבן שטיין ערשטוינט פונעם צדקות פון דער גרויסער ראש ישיבה, וועלכער האט זיך נישט געשעמט דאס צו זאגן אויף זיך אליין! און ער האט גלייך געהעכערט זיין נדבה פאר די ישיבה, מיט א סומע עטליכע מאל אזויפיל ווי דאס וואס ער פלעגט געבן יעדן יאר!**

**[קובץ "פרטיות" – שיחה פרטית מס' 22]**

***

א מעשה נורא איז אנגעקומען צו מיינע אויערן, וואס איז פארגעקומען מיט עטליכע יאר צוריק, אין הויז פון איינער פון די גרויסע געלט-טוישער, וואו עס קומען טאג-טעגליך צענדליגער מענטשן צו טוישן געלט, און עס דרייט זיך ביי אים אויפן טיש צענדליגער טויזנטער גרינע דאלערס טאג נאך טאג...

איין טאג, איז אריינגעקומען אין הויז א חשוב'ער איד פון די איינוואוינער פון געגנט, וועלכער האט געהאלטן פארן אונטערשרייבן א "קאנטראקט" אויף א דירה וואס ער האט געקויפט פאר זיין זון איידער זיין חתונה, און האט געדארפט איבערגעבן א גרויסע סומע געלט אין קעש. ער איז יעצט געקומען טוישן א גרויסע סומע געלט פון דאלערס צו 'שקלים'.

ווען דער סוחר האט געהערט פון וועלכע סומע עס רעדט זיך, האט ער געזאגט אז ער האלט נישט אזעלכע סכומים דא אונטערן טיש ווי זיין שטייגער... נאר ער דארף אריינגיין אינעם אינעווייניגסטן צימער, וואו ער וועט ארויסנעמען דאס געפאדערטע סומע פונעם געפאנצערטן קאסע.

ווען דער סוחר האט פארלאזט זיין טישל און איז אריינגעגאנגען צו זיין אינעווייניגסטן צימער, איז דער איד אריינגעכאפט געווארן אינעם שרעקליכן יצר פון גזל רח"ל, ווען ער האט געזען אז קיין מענטש געפינט זיך נישט דארט, און דער לעדל איז ברייט אפן [זעט אויס אז דער סוחר האט זיך פארלאזט אויף דעם חשוב'ן איד, אז ער וועט זיין א 'שומר' פון גנבים]... האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן, און ווייבאלד ער האט געדארפט האבן זייער אסאך געלט צו די חתונה, האט ער שנעל ארויסגעשלעפט עטליכע דיקע בינטלעך מיט גרינע דאלערס, וואס איז צוזאמען געווען זייער א שיינע סומע... און עס אריינגערוקט טיף אין קעשענע, און האט גלייך אלעס מסדר געווען צוריק פונקטליך ווי פריער, אז מען זאל נישט כאפן אז עפעס פעלט דא...

עטליכע מינוט שפעטער איז דער סוחר צוריקגעקומען, און האט אויסגעפירט דער טויש אויפן בעסטן אופן, אנדעם וואס ער זאל כאפן וואס איז דא געשען ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון צימער.

דעם גנב האט מען טאקע נישט געכאפט, אבער די שולד-געפילן זענען אים נאכגעלאפן טעג און נעכט, און האבן אים נישט געלאזט קיין מנוחה, ער האט א גאנצע צייט געהערט ווי עס קלינגט אים אין אויער די ווארט: **גנב!!!**

נישט לאנג דערנאך, האט דער איד תשובה געטון בתשובה שלימה, ער האט געבעטן אז ער וויל זיך טרעפן מיטן סוחר, און אינמיטן דער באגעגעניש האט ער אויסגעבראכן אין א שרעקליכן געוויין, און האט אלעס דערציילט פארן סוחר, און אים צוריקגעגעבן דאס גאנצע געלט ביזן לעצטן פרוטה, בעטנדיג סליחה ומחילה פונם סוחר, און ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען פונעם באגעגעניש האט ער אים שוין מוחל געווען במחילה גמורה בלב שלם.

**דאס איז געווען זייער א חשוב'ער איד! וואס אינעם רגע פון א נסיון איז ער דורכגעפאלן אין אזא שרעקליכן זינה, אזוי ווי דער לעצטער געמיינער יונג פון גאס! – לא יאומן כי יסופר! – זעען מיר דערפון, ווי שטארק מיר דארפן זיין אפגעהיטן אין אזעלכע זאכן, און געדענקען און זיך איינ'חזר'ן אז דער געלט פון א צווייטן איז א פייער!**

**[שם]**

***

איינער פון די חשוב'ע תלמידי חכמים פון די איינוואוינער פון ירושלים של מעלה, האט יונגערהייט שטארק געליטן פון הונגער. די משפחה איז געוואקסן און זיך פארברייטערט, און פרנסה איז נישט געווען...

ווען דער מצב איז געווארן ממש אומדערטרעגליך, זעענדיג אז ער קען מער נישט אזוי לאזן זיין הויזגעזינד, האט ער באשלאסן אז ער דארף פארמאכן די גמרא פאר א קורצער צייט, און פראבירן טרעפן עפעס אן 'ארבעט' כדי אהיימצוברענגען עסן צו שטילן דעם הונגער.

ער האט אנגעהויבן זיך נאכפרעגן און נאכפארשן, ביז ער האט געטראפן א גוטע ארבעט. נאך עטליכע מאל זיך טרעפן מיטן בעל-הבית, האבן זיי קלאר אפגערעדט אלע איינצלהייטן, און דערפאר האט מען אים באשטימט א הויכן באצאלונג און איינגעארדנט א שטיל באהאלטן ארט צו

המשך אין עמוד ד'




>>> טיב ההתחזקות | המשך פון עמוד ב' |

עבודה. ווען מען האט אים געפרעגט וואס ער האט זיך אויסגעלערנט ביי זיין רבי'ן דורכאויס דעם גאנצן לאנגן תקופה וואס ער איז געווען ביי זיין רבי, האט ער געענטפערט ווי פאלגנד: עס איז טאקע ריכטיג, אז איידער איך בין געפארן צום רבי'ן האב איך אויך געדינט דעם אויבערשטן מיט תורה און תפילה און אנדערע מעשים טובים, טאג און נאכט, אבער איך האב זיך אלעמאל ארומגעדרייט מיט גאר א געהויבענע געפיל, טראכטנדיג צו זיך אז לויט ווי עס זעט מיר אויס ווייס איך נישט וויאזוי דער אויבערשטער וועט מיר קענען באצאלן אויף אלע מיינע גוטע מעשים, נאר אזויפיל האב איך געטראכט צו מיר אין הארצן, אז דער אויבערשטער איז דאך אזא גרויסער מלך, און ער איז דאך כל יכול, דעריבער האט ער אוודא ידעם מעגליכקייט מיר צו באצאלן זיין באלוינונג פאר אלע מיינע מעשים טובים.

אבער יעצט, ווען איך בין צוריקגעקומען פונעם צדיק, איז יעדער מאל וואס איך מאך מיין חשבון הנפש, זע איך אויף ווייט איך בין גארנישט מיט גארנישט, און וויפיל שלעכטע זאכן האב איך געטון, ביז איך שטעל מיך אויף און איך דאנק דעם אויבערשטן פאר יעדן רגע וואס ער לאזט דעם דאַך בלייבן אויפן ארט און ער מאכט נישט אז עס זאל אראפפאלן אויפן קאפ פון א זינדיגער מענטש אזוי ווי מיר.

נאר, ווי מען פארשטייט אליין, מוז מען זייער אכטונג געבן ביי דעם, אז מען זאל חלילה נישט אריינגיין אין א מצב פון עצבות און מרה שחורה, ווייל טאמער וועט ער חלילה אריינפאלן דערין, קומט אויס אז ער איז אנטלאפן פון א קליינע פייער און האט זיך אריינגעלייגט אין א גרויסן פייער. נאר, מען דארף האבן דעם ריכטיגן וואָגשאָל אז עס זאל זיין אויף אן אופן וואס איז אים מעורר און געבט אים פרישקייט און חשק צו עבודת ה', אזוי ווי איך האב אמאל געהערט פון הגה"צ רבי נטע פריינד זצ"ל וועלכער האט נאכגעזאגט פון צדיקים א פשט אויף דאס וואס עס שטייט אין רש"י אויפן פסוק "כָּתִית לַמָּאוֹר" – "ולא כתית למנחות", אז אויב א מענטש באקומט א צובראכן הארץ אינדערצייט וואס ער מאכט א חשבון הנפש וויאזוי ער זעט אויס, זאל ער כאטש זען אז דורכדעם זאל ער אנקומען צו א ליכטיגקייט אין עבודת ה', אז פון יעצט זאל ער זיך באנייען מיט פרישע כוחות און זיך אנגארטלען מער און מער אין עבודת ה', אבער נישט אז דורכדעם זאל ער חלילה אנקומען צו "מנחות", אינגאנצן מיואש צו ווערן און זיך נאכלאזן אפילו פון דאס וואס ער האט געטון אין עבודת ה' ביז יעצט.

אויך האב איך געהערט מפרש זיין דעם פסוק "אם תיטיב שאת ואם לא תיטיב לפתח חטאת רובץ", אז "אם תיטיב", אויב דו וועסט טראכטן די גאנצע צייט, ווי גוט איז דיין הנהגה אין עבודת ה' – "שאת", קענסטו דאך אנקומען צו גאוה חס ושלום, אבער "ואם לא תיטיב", אויב די גאנצע צייט וועסטו טראכטן איבער ווי נישטיג און שלעכט דו ביסט – "לפתח חטאת רובץ", וויבאלד אזעלכע מחשבות זענען זייער מסוכן, און קענען צוברענגען אז פון יעצט און ווייטער זאל ער שוין מער נישט אכטונג געבן געהעריג וואס ער טוט, טראכטנדיג אז ער איז שוין סיי־ווי פארלוירן. נאר, וואס איז די עצה? "נע ונד תהיה בארץ", דאס הייסט אז עס ווענדט זיך אלעמאל לויט דער מצב, ווייל אויב דער יצר הרע קומט צו אים מיט געדאנקען פון גאוה און שטאלץ, דעמאלטס זאל ער זיך מתבונן זיין אויף ווי ווייט זיין עבודה איז נישט בשלימות, און ער זאל מאכן א חשבון הנפש איבער אלע זיינע שלעכטע מעשים. אבער אויב קומט דער יצר הרע צו אים און פראבירט אים אריינווארפן אינעם נעץ פון יאוש, עצבות און מרה שחורה, דעמאלטס זאל ער זיך מתבונן זיין אין דאס וואס ער פארמאגט יא, און ער זאל זיין שמח בחלקו איבער אלעס וואס ער האט זוכה געווען צו טון דאס וואס איז גוט אין די אויגן פון השי"ת.

מיר וועלן אויספירן מיט א געבעט צום אויבערשטן, אז מיר זאלן זוכה זיין צו גיין אויף די ריכטיגע וועגן, און נתעלה ווערן א מדריגה נאך א מדריגה, און עס זאל חלילה נישט זיין קיין שום פגם אין אונזער עבודת ה', אמן כן יהי רצון.

>>> טיב המעשיות | המשך פון עמוד ג' |

ארבעטן, כדי דער זאך זאל נישט באוואוסט ווערן...

אויפן ערשטן טאג פון זיין ארבעט, איז ער אויפגעשטאנען זייער פרי און איז געגאנגען דאווענען כותיקין, און איז שנעל אהיימגעגאנגען עסן א שנעלן פרישטיג. דערנאך האט ער זיך אנגעטון און איז געווען גרייט ארויסצוגיין צו די ארבעט ביז אין אוונט...

אבער דא האט אים אפגעווארט אן 'איבערראשונג' – זיין חשוב'ע רעבעצן די צדקנית, האט זיך אוועקגעשטעלט ביי די טיר, און האט אים נישט געלאזט ארויסגיין. מיט א וויינענדיג קול האט זי ערקלערט אז די גאנצע נאכט האט זי נישט פארמאכט קיין אויג... נאר נאס געמאכט דעם קישן מיט אירע טרערן... צוליב איר גרויס צער און טרויער אז איר מאן וועט יעצט דארפן חלילה פארמאכן די הייליגע גמרא! און זי האט אויסגעפירט: איך בין בשום אופן נישט מסכים דערצו! מיר וועלן שווארץ מאכן אונזערע ציין מיט פאסטן, און מיר וועלן זיך באגענוגן מיט טרוקענע ברויט און וואסער... נאר נישט צו פארלאזן די גמרא!

אירע געבעטן זענען נישט געווען אומזיסט. אויך איר גרויסער מאן האט בכלל נישט געוואלט פארמאכן די גמרא. האט ער איר טאקע געפאלגט, און אנשטאט גיין צו די ארבעט איז ער געגאנגען ווי זיין שטייגער אין בית המדרש אריין, און האט זיך צוריק ארויפגעווארפן מיט ליבשאפט אויף די הייליגע גמרא, און פון די טיפענישן פון זיין הארץ און זעל האט ער איר ליבליך געקושט, און זיך גענומען לערנען מיט גרויס בענקשאפט!

זיי זענען דורכגעגאנגען אין אנהייב א שווערע תקופה, אבער גאנץ שנעל איז זיין נאמען באקאנט געווארן איבערן עולם התורה, און מען האט אים פאָרגעלייגט א הערליכן תורה'דיגע פּאָסטן, מיט זייער א שיינעם געהאלט. עס האט נישט גענומען לאנג, און ער איז געווארן איינער פון די גרעסטע מרביצי התורה, אויפשטעלנדיג טויזנטער תלמידים, און אלעס – בזכות נשים צדקניות! [שם]

על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט
התורמים להפצת העלון
לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים • יוסף בן טילה רחא לרפו"ש • שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173